געפאַלן אויף דער ערד, און געהערט אַ קול,
וואָס האָט געזאָגט צו אים: שאול, שאול, וואָס
5 פאַרפאָלגסטו מיך? האָט ער געזאָגט: ווער ביסטו,
האַר? און ער (האָט געזאָגט): איך בין ישוע, וועמען
6 דו פאַרפאָלגסט. נאָר שטיי אויף, און גיי אַריין אין
דער שטאָט, און עס וועט דיר געזאָגט ווערן, וואָס
7 דו זאָלסט טון. און די לייט, וואָס האָבן מיטגערייזט
מיט אים, זענען געבליבן שטיין אָן לשון, הערנדיק
8 דאָס קול, און נישט זעענדיק קיינעם. און שאול
האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד; און הגם די
אויגן האָבן זיך אים אויפגעמאַכט, האָט ער דאָך
גאָרנישט געזען; און מען האָט אים אָנגענומען
9 ביי דער האַנט, און אַריינגעפירט קיין דמשק. און
דריי טעג איז ער געווען אָן ראיה; און האָט נישט
געגעסן און נישט געטרונקען.
10 און אין דמשק איז געווען אַ געוויסער תלמיד
מיטן נאָמען חנניה; און דער האַר האָט צו אים
געזאָגט אין אַ חזיון: חנניה! און ער האָט געזאָגט:
11 אָט בין איך, האַר! און דער האַר האָט צו אים
געזאָגט: שטיי אויף, און גיי צו דער גאַס, וואָס מען
רופט זי די גלייכע, און זוך אין יהודהס הויז שאולן
מיטן צונאָמען הטרסי, וואָרום זע, ער טוט תפילה,
12 און האָט געזען אין אַ חזיון אַ מאַן, וועלכער הייסט
חנניה, אַריינקומען און אַרויפלייגן די הענט אויף
13 אים, כדי ער זאָל ווידער זען. האָט חנניה געענט־
פערט: האַר, איך האָב געהערט פון פילע וועגן דעם
דאָזיקן מאַן, וויפל שלעכטס ער האָט געטון צו
14 דיינע קדושים אין ירושלים; אויך דאָ האָט ער
רשות פון די הויפט־כהנים צו בינדן אַלע, וואָס
15 רופן אָן דיין נאָמען. דער האַר אָבער האָט צו אים
געזאָגט: גיי, ווייל ער איז פאַר מיר אַ כלי חפץ,